בעזהשי"ת

## קונטרס

# חידושי תורה

### פרשת חיי שרה

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

**כיתה ז'(ב)**

הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו

בס"ד

## חידו"ת לפרשת חיי שרה

**ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו המושל בכל אשר לו שים נא ידך תחת ירכי ואשביעך וגו' אשר לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני.** וצ"ע למה פרט הכתוב כל הסימנים עבדו זקן ביתו המושל בכל אשר לו, ומה הנפק"מ בזה, והיה די לומר ויאמר אל עבדו שים נא ידך וגו', וי"ל דהנה דרך העולם שאינם בני תורה, במילי דשמיא בדבר שיש חשש איסור או דבר הצריך בדיקה מתולעים וכדומה, יאמין לכל יהודי בכל שהו, ויאמר כל יהודי מוחזק בכשרות ושצריך לדון לכף זכות וכו' ולא ישאל ולא יחזקור כל כך, לא כן במילי דעלמא כגון הלוואות מעות לא יאמין לו בשום אופן עד אשר יחקור וידרוש וישאל היטב עליו וכו' עד שיתבררו כל הספיקות ויהיה ברור לו שיקבל את כספו.

**וכפי המסופר על הרה"ק מבארדיטשוב** זי"ע שבהיותו פעם בדרך הוצרך לחנות באחד האכסניות שעל אם הדרך, בעל האכסניא קיבל את פניו בשמחה ואמר, הנה השוחט שלנו אינו בקו הבריאות כבר שבועיים ימים ומאז לא בא בשר לפינו, והכרת פני כבודו ענתה בו כי הוא בקי במלאכת השחיטה, על כן אבקש אותך לשחוט לנו כמה עופות, השיב לו הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע בוודאי אשחט לכם אבל לפני כן אבקשך אולי תואיל בטובך להלוות לי הלוואה של אלף רובל הנחוץ לי מאוד, השיב לו בעל האכסניא: ימחול לי מר אלף פעמים אבל איך אלוה לאיש אשר איני מכיר אותו, הרים הצדיק עליו בקולו, על השחיטה שצריך לדעת הלכותיה וכו' וחלילה אם יש איזה פגם כל שהוא בסכין אוכל נבילה ממש ומטמא גופו במאכלות אסורות, על זה האמנת לי בהכרת פני בלבד, אבל על הממון לא האמנת לי.

אבל אברהם אבינו ע"ה היה היפוך זה, שכאשר בא לחפש בת זוג ליצחק בנו ולא רצה לקחת מבנות כנען הארור, לא האמין אפי' ל"עבדו" הידוע לעבד נאמן, ל"זקן ביתו" וזקן זה שקנה חכמה, "המושל בכל אשר לו" שעל כל רכושו האמין לו ומסר בידו, מ"מ כאן אמר לו "שים נא ידך תחת ירכי ואשביעך". **(באר מים חיים)**

**והיה הנערה אשר אומר אליה הגמיאיני נא מעט מים מכדך וגו' וגם גמליך אשקה אותה הוכחת לעבדך ליצחק.**
לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז געווען די סימן וואס אליעזר האט געמאכט, אויב וואלט ער געוואלט וויסן אויב זי איז גומלת חסד, איז פארוואס זאגט ער דוקא אז זי וועט זיך אנטראגן צו געבן אויך פאר די קעמלען, מער פון דעם וואס ער האט געבעטן נאר פאר זיך.
נאר די ענין איז אזוי, אפילו עס איז געווען

בס"ד

אין דעם א ענין פון מנחש זיין, איז אין דעם אויך געווען באהאלטן א חכמה, ווייל ער האט געוואלט זעהן ביי איר צוויי זאכן, איינס אויב זי האט גוטע מידות, און אויב זי איז א בעלת שכל, און זי וועט קענען פירן א שטוב מיט חכמה און פארשטאנד.

ווען אליעזר איז געקומען צו איר און געזאגט הגמיאיני מעט מים מכדך, האט ער איר אריינגעלייגט אין א פראבלעם, זי האט דאך נישט געהאט דארט א גלאז, וועט זי מוזן אים געגעבן צו טרינקען פון די קריגל אליינ'ס, וועט ער זעהן אויב זי וועט ווען געבן פאר אים וואסער פון די קריגל אליינ'ס, און ער וועט אויך זעהן וואס זי וועט טוהן מיט די איבעריגע וואסער וואס וועט בלייבן אין די קריגל, די קריגל כאפט דאך אן זיין מויל, און אפשר האט ער געוויסע מחלות אין זיין מויל. איז אויב זי וועט אהיים טראגן די איבעריגע וואסער, איז א סימן אז זי איז נישט קיין בעלת שכל, ווייל וואסער וואס בלייבט איבער פון א פרעמדן מויל טראגט מען נישט אהיים, און אויב זי וועט עס אויסגיסן אנטקעגן אים און אנפילן פרישע וואסער פון די קריגל, האט זי נישט קיין גוטע מידות, ווייל זי פארשעמט אים מיט דעם וואס זי גיסט אויס די איבערגעבליבענע וואסער. וועגן האט זי איין עצה, אז ווען ער וועט בעטן הגמיאיני נא מעט מים מכדך, וועט זי אים זאגן וגם גמליך אשקה, אז די איבער געבליבענע וואסער וועט זי געבן פאר די קעמלען, אזוי וועט זי אים נישט פארשעמען, און זי וועט אויך נישט אהיים טראגן די איבערגעבליבענע וואסער.

אבער רבקה האט זיך נאך מער איבער געקליגט אויף אים, און זי האט אים געזאגט 'וגם לגמליך אשאב', אז נאך ווען זי וועט אויסגיסן די איבערגעבליבענע וואסער, וועט זי גיין אנשעפן נאך וואסער פאר די קעמלען, כדי אליעזר זאל נישט טראכטן אז דעם וואס זי האט פריער אויסגעגאסן, איז געווען ווייל עס איז איבער געבליבן פון זיין מויל, און זי וויל עס נישט אהיים טראגן, נאר זי וויל געבן צוטרינקען פאר אלע קעמלען, און מיט דעם האט זי בארוהיגט אליעזר'ן ער זאל האבן א גוטע געפיהל אויף וואס זי טוהט.

(בית הלוי)

**ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות ויקח האיש נזם זהב וגו'.**

זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע אז וויבאלד די קעמלען האבן געטרינקען די וואסער וואס רבקה האט אנגעשעפט האט אליעזר פארשטאנען אז רבקה איז די פאסיגע זיווג פאר יצחק, ווייל די הלכה איז אז א מציאה פון א קטן אדער א קטנה באלאנגט פאר'ן טאטן ממילא באלאנגט די וואסער וואס רבקה האט אנגעשעפט פאר בתואל. און ווען אליעזר מיט די קעמלען האבן געטרינקען איז עס געווען גזל, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין רשות פון בתואל, נאר אליעזר איז געווען זיכער אז אויב רבקה איז טאקע די פאסיגע זיווג פאר יצחק איז בתואל זיכער מסכים אז מ'זאל געבן וואסער פאר די קעמלען פון זיין קומענדיגן איידעם.

חכמינו ז"ל זאגן אז אפילו פאר בהמות פון

בס"ד

צדיקים ברענגט נישט דער אייבישטער קיין מכשול, ממילא האט אליעזר געוואוסט אז השי"ת וועט נישט צולאזן אז אברהם אבינו'ס אייזלען זאלן נהנה זיין פון גזל, ממילא האט ער זיך געמאכט א סימן אז אויב די קעמלען וועלן טרינקען פון בתואל'ס וואסער איז א ראיה אז דאס איז די ריכטיגע זיווג מן השמים, ממילא איז עס נישט קיין גזל.

דאס זאגט דער פסוק "ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות", ממילא איז א סימן אז עס איז נישט געווען קיין גזל, ווייל דאס איז דער ריכטיגער זיווג, "ויקח האיש נזם זהב" און געגעבן די מתנות פאר רבקה.

# מערת המכפלה

**אין ספר מראה פנים אויפן ירושלמי (תענית פ"ד) פארציילט דער מחבר "ווען איך בין געווען אין איטאליע האב איך געהערט פון א שליח פון חברון א איש נאמן החכם מו"ה יצחק זאבי ז"ל. אז דער מערת המכפילה איז יעצט אונטער די הענט פון די ישמעאלים זיי גייען דארט אריין יעדן טאג, און אויב א צווייטער גייט אריין באקומט ער טויט שטראף. אפילו דער אראבישער שומר אויב לאזט ער עמיצן אריין ווערט ער באשטראפט מיטן טויט.**

**האט ער דערציילט אז ווען ער איז געווען א קינד איז ער געווען אינעווייניג אין די מערה, ווייל זיין מאמע האט פארשטאנען צו פארשידענע רפואות, און ווען דער שומר איז אמאל קראנק געווארן און ער האט זי גענויטיגט אין אירע רפואות, האט ער געהייסן אז זי זאל קומען ביינאכט, און מיט זיין רשות האט זי מיך מיטגענומען.**

**מיר זענען אריין אינעווייניג, און געזעהן די שיינע כיפה, וואס הילני המלכה האט אויפגעבויעט, דאס איז הערליך שיין אויסגעצירט, און אויסגעמאלן פארשידענע בילדער אלס סימנים אויף די אבות ואמהות וואס ליגן דארט.**

**מיר האבן אויך געזעהן אז אויפן דאך איז אויפגעשריבן אברהם און קעגן איבער שרה, אינדערמיט איז אויפגעשריבן יצחק און קעגן איבער רבקה, און דערנאך יעקב און קעגן איבער לאה.**

**נאך האט ער דערציילט אז ער האט געזעהן אין די זייט א קעסטל אין די וואנט, דער שומר האט אים געזאגט אז עס איז אנגענומען אז דארט איז באגראבן עשו'ס קאפ, עס איז גארנישט אויפגעשריבן נאר דאס קעסטל האט מען געמאכט אלס א זכר. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא מס' סוטה, אז חושים בן דן האט אים גע'הרג'עט יענעם טאג וואס יעקב אבינו איז געברענגט געווארן צו קבורה אין מערת המכפילה.**